ג ע ט ר אָ ג ן – 1. פֿאַר פֿון טראַגן.

2. שוין געניצט, נים ניי. אויפֿן מאַרק פֿאַרקויפֿט מען געטראָגענע מלבושים. דאָס קינד גייט אין אַ געטראָגן מאַנטעלע פֿון איר עלטערן ברודער.

124 5 – 6

געט – 30.

1896 " קיין שבירות האָט מען איר נישט געצאָלט, די |די בעל=הביתטע| פֿלעגט איר אונטערוואַרפֿן אַן אַלט קלייד, 660
אַ פֿאַר געטראָגענע שיך". אַחון, 2, 37.

1902 " אויף מאָרגן האָב איך געקויפֿט |...| אַ פֿאָר
געטראָגענע שטיוול זייער וואָלוול". איבן אַרשאַנסקי, 1, 45. 658

126 – ey

ם|געטראַד| ג י ט ר א ד – <u>די, בא.</u> תבואה, (<u>דטשמ</u>: געטרײַדע).

?נ? 662 1701 "תבואה – <u>גיטראד</u>". שפה ברורה, ד/ב.

ג ע ט ר אָ וו ע ן – אוטוו. (דיאַל) דזוו געטרויען.

1869 " אַזוי טוט גאָט מיט דעם מענטשן, ער געטראָוועט

ווייניק אונדזער שׂכל |...|". איבן, דיא מעשה 799

פון דעם שטיקעלע ברויט".

128 - 64

100

ג ע ט ר אָ ט – דאָס/דער, בא. (שנש) דאָס טרעטן פֿון א. סך מענטשן; טריט.

1963 " איך הער געטראָט. ווער שפּאַנט אין דער גרויסער פֿינצטערניש?". פֿרידמאַן, 3, 102. 668

1964 " |...| צום טאַקט – דער זעלנערשער געטראָט". רובינשטיין, 3, 226. 667

ג ע ט ר אָ ט ן – ~~פּפּ~~ <u>פֿאַר פֿון טרעטן</u>.

געט – [redacted].

ג ע ט ר א כ ט ! – 1. פאר פון טראכטן.

2. (שנש)דאס טראכטן, טראכטעניש.

□ גיטרעכט – טראכטונג, טראכטעניש.

1610 "זי וויינט זי דר ברמט צו אים צו איבר פארן דז

ביז המן דער אגגי אונ' זיין גיטרעכט דז ער הוט 676

גיטרכט אויף די יודן". טייטש=חומש, אסתר, ח-ג.

ם|געטראכט|II ג י ט ר ע כ ט - טראכט, אינגעווייד.

1696 " גאט ער ווערט צילן אין שרייבן דער פעלקר

דיזר איז ווארן גיבארן אל דא אל ווענן, אונ׳

דיא זינגר אז דיא טענצער אל מיין גיטרעכט

אן דיר". סידור תפלה למשה, דף שס ו׳ - 1.

[תי טייטשט טאקע: כל מעיני - "אלע מיינע אינגעווייד".

תהילים, פז - ז].

רעד: לייענט מען עס "געטראכט", ווי דער ציטאטע

אויסשרייבער גיט אן, אדער טאקע פשוט

" געטרעכט", ווי ס'איז געשריבן?

ג ע ט ר אַ כ ט ס - דאָס, =ן. (שנש?) טראַכטעניש, גערדאַנקען.

... " קיין שום געטראַכטס, קיין שום געטראַכטעניש אינהאַלט
איז ניט דענקבאַר". א. נוהל, זב ייבל XV. 681

1963 " די געטראַכטסן טראָגן מיך". מ.מ. שאַפּיר, 1,111. 680

□ ג׳יטרעכטש

1696 " גדענקן דאש מענשן אונ׳ זיין ג׳יטרעכטש אונ
גדענקין ווערק דאש מאנש". סידור תפלה למשה, דף קו -ד. 682

רעד: דאַרף מען דאָס לייענען געטראַכטס אָדער
געטרעכטס, ווי ס׳שטייט?

133 –

געט – [redacted].

ג ע ט ר אַ כ ט ע כ ץ – דאָס, בא. (איר, שנש) טראַכטעניש.

1971 " נאָר דער רבי איז פֿאַרטיפֿט // אין עפּעס אַ 684

געטראַכטעכץ". מ.מ. שאַפּיר, 5, 43.

134 - גע

ג ע ט ר אַ כ ט ע ר ה יי ט - אַדוו. טראַכטנדיק.

?נ? 1957 " גאָר ניט געטראַכטערהייט האָסטו אָפּגעריסן

683 אַ בלעטל |...| ". י. י. שניאורסאָן, 2, דף |?| פּ"ה.

135 – [illegible]

ג ע ט ר אַ כ ק ע ט – <u>פֿאַר פֿון</u> <u>טראַכקען</u>.

?

ג ע ט ר אָ ל ד ע ט – אדי. מיט טראָלדן.

1958 " באַלד איז |...| אויסגעוואַקסן אַ קאַפּעליע

685 מעקסיקאַנער מוזיקאַנטן |...| מיט גרויסע היט און

געטראָלדעטע רעקלעך מיט באַנדזשאָס". ל. פּארעס, ~~ז' פאר~~, II, 9/.

כוו 155

ג ע ט ר אָ מ יי ט ע ר ײַ — דאס. בא. דאָס דויערנדיקע טראָמײַטערן, אָדער דאָס שפּילן פֿון אַ סך טראָמײַטערס (טרומײַטערס).

1911 " |אין| מיטן דער נאַכט ווערט אַ געטראָמײַטערײַ, דאָס שטעטל שפּרינגט אויף פֿונעם שלאָף!" מויערער, 27,1.

138 —

ג ע ט ר אַ מ פּ ל - דאָס/דער, באַ.|סטוטש 170|.דאָס דויערנדיקע טראַמפּלען.

ג ע ט ר אַ נ ק – דאָס/דער, =ען. פֿפֿ (עלט) געטרענק.

אַ פֿליסיקייט באַשטימט צום טרינקען. קאַלטער געטראַנק.

אַלקאָהאָלישע געטראַנקען. זיסע געטראַנקען.

1901 " |...| דער לעצטער געטראַנק, וואס וועט מיך

אָנשיכּורן". פּרץ, 7, 180. 693

1907 " קוואַס איז אַזאַ מין געטראַנק, וואָס קאָסט וואָלוול

און עס גייט אַ סך". שלום=עליכם, 8א, 97. קאנק

1928 " |...| אויך טאָר דער סאַכאַריך נישט באַנוצט

ווערן אַלס קאָנסערוויר=מיטל און אַלס צוגאַב צו 723

געטראַנקען, אין וועלכע עס אַנשטייט אַ יערונג,

ווי, למשל, ביר, לימאַנאַד |...|". פּעקער, 89,1.

1956 " געוועץ זײַן טיש אין מיט מאכלים ברייט

געדעקט, געוואַרט אויף אים האָבן געטראַנקען פֿון 736

בורגאָניע". מארקיש, 11, 360.

140 || געטראַנקשאַפֿט – די, בא. (שנש) דזוו געטראַנק |?|.

1926 " געטראַנקשאַפֿט פֿון ערדענעם טאָפּ און ווייכקייט
פֿון קאָרענע זיפּן". לייוויק, 6, 307. 740

.....................................................................

רעד: פֿון ציטאַט איז ניט קלאָר, צי מע מיינט געטראַנק,
אָדער; א) דאָס טרינקען; ב) דאָס קאָנען טרינקען א"א.

.....................................................................

0 שלאָפֿגעטראַנק – אַ היילמיטל איינצושלעפֿערן אַ חולה.

... " בלינדע אמונה און בטחון זענען נאָך אַ גליק
פֿאַרן ייִדן, זיי העלפֿן אים נאָר אין זײַנע נויטן, 735
ווי דאָס שלאָפֿגעטראַנק, וואָס מע גיט איין אַ מסוכנעם
חולה". מענדעלע, 22א, 28.

□ גיטראַנק.

1626 " אונ' אם אובנט האט ער איין גיטרנק גימכט |...|". 701
ס' המגיד, 1, דניאל, ה–א.

געט – [illegible].

1716 " אונ' עש וואר איין הארפל אונ' איין פֿידל |...|,

714 אונ' איין וואר איר <u>גיטראנק</u> |...|". <u>ס' חובות הלבבות,</u>

<u>1, דף עד – II</u>.

ג ע ט ר א ס ק - דאס/דער, בא. דאָס דויערנדיקע טראַסקען.

1974 " א גערעטראַסק פון איַיזן אויף איַיזן האָט זיך צעהילכט". עלבערג, 2, 26. 744

|| געטראַסקעריַי - דאָס, בא. (עמפּ) דזוון דפּוו.

1969 " דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט א געטראַסקעריַי פון א פאַרביַיגלישנדיקן אויטאָ". ה. בורקאָ, 747

~~צ' טמז~~, וז/25.
פּזו 69,

ג ע ט ר אַ ס ק ע ט – 1. פֿאַר פֿון טראַסקען.

2. געשפּאָלטן, מיט שפּאַלטן. % די וואַנט איז אַ געטראַסקעטע, זי קאָן נאָך איינפֿאַלן. איך פֿענצטער איז דאָ אַ געטראַסקעטע שויב.

1866 " אַ רויך |...| פֿון דעם הייצאויוון, וואָס איז געווען געטראַסקעט פֿון אַלע זייטן". ארז, ~~צ' קמ~~, פֿלו 172, נ' 6, ז' 82. 746

144 —

ג ע ט ר אָ פּ ן - 1. פֿאַר פֿון טרעפֿן.

2. אַדי/אַדוו. באַליידיקט, אָנגערירט אין כּבוד.

% פֿילן זיך געטראָפֿן. שווער געטראָפֿן.

1867 " דער מלמד, וואָס האָט זיך געפֿילט זייער געטראָפֿן* פֿון זיינע רייד |...|". דיק, 27, 60. 749

1948 " האָבן זיך אַלע דערפֿילט שטאַרק געטראָפֿן, באַזונדערס די סוחרים". נסתר, 6, 399.

1970 " האָבן די געטראָפֿענע בחורים נישט געלאָזט זיך 'שפּילען אין דער קאַשע' און האָבן אָנגעווענדט אַ מידה כּנגד מידה". פּיווולאַוויטש, יזב ~~זלאַטשעוו~~ ז, ז' 150. 771

ג ע ט ר ו ב ע ט - פאר פון טרובען.

ג ע ט ר ו י - דאָס, בא. (שנש) דאָס געטרויען.

1956 " |...| דעם אומגעריכט פֿון ערשטן// מענטשלעכן

געטרוי". גלאַטשטיין, 1, 57.

גע -

ג ע ט ר ו י ב ר י ו - דער/די, מצ דז. (נש, אוּוו|.

דאָקומענט פֿון טשעקן=אויסבייַט צווישן בענק.

147 –

ג ע ט ר ו י ט – <u>פאַר פון (גע)טרויען</u>.

ג ע ט ר ו י ל ע ך - אַדי/אַדוו. 1. וואָס מע מעג/קען
אים/דעם געטרויען. % ער איז אַ __געטרוילעכער__ סוחר,
ער וועט ניט אָפּנאַרן מיטן פּרייז. ניט אַלץ וואָס
שטייט אין אָט דער צייטונג איז __געטרוילעך__, אָפּט גיט
מען אויסגעטראַכטע געשעענישן.

1935 " מיט דער דאָזיקער אָפּגעהיטקייט דאַרף מען צוגיין
סײַ צו די __געטרוילעכע__ און סײַ צו די ניט=__געטרוילעכע__ 781
מחברים און פֿאַקטן". __מ. ווײַנרײַך, 3, 161.__

2. וואָס געטרויט יענעם, גלייבט.

1930 " דער ווײַסער בער איז זייער ניט קיין __געטרוילעכער__,
איז אים דעריבער שווער צו פֿאַרנאַרן". __ע. פּימענאָוואַ, 74,1.__ 782

__רעד:__ כ'בין מסופּק אין דעם צווייטן אויסטײַטש, דער מקור
זעט מיר אויס צו זײַן אַן איבערזעצונג פֿון רוסיש
(נאָמען פֿון מחברטע!). ס'איז אַ קאַלקע פֿון רוסישן
доверчивый.

149 - 

ג ע ט ר ו י מ ט - פאר פון טרוימען.

ג ע ט ר ו י ע ן - 1. אוטוו, איך געטרוי(ע),
פֿאַר געטרוי(ע)ט, פּפּ (דיאַל) געטראַווען. גלייבן
עמעצן/עפּעס, (דאַטיוו), זיין זיכער אין זיין
אָרנטלעכקייט, פֿעיִקייט, פֿאַרלאָזן זיך אויף עמעצן/עפּעס.
% דעם דאָזיקן קרעמער געטרוי איך, ער גיט מיר שטענדיק
גוטע סחורה אין אַן אָרנטלעכן פּרייז. מיר געטרויען
אים, אַז ער וועט קיינעם ניט דערציילן דעם סוד.
מע מעג אים געטרויען, ער וועט די אַרבעט גוט מאַכן.

1870 " יעדער האָט מערערע פּרעונס: דעם הורטאָוויניק
|באַצאָלן| צו דער צייט, ער זאָל נאָך אַ מאָל געטרויען, 816
דעם וואָכערער |טעקסט: וואָכערער| דאָס וואָכנגעלט |...|".
צעדערבוים, 1, 13.

1904 " מעגסט גלייבן און געטרויען גאָט ברוך=הוא,
ער קען דיר געבן פּרנסה |...|". איבז נ. פּאַליר, 94,1. 795

1948 " ער |צאַלי| האָט געוואָלט איבעררעדן |...|
אויג אויף אויג |...| און ווי זיך אָנגעפֿרעגט
ביַי יעקבֿ=יוסין, צי <u>געטרויעט</u> ער זיַין באַדינער
|...|". <u>נסתר, 6, 159</u>.

1968 " ער <u>האָט</u> ניט <u>געטרויט</u> איר כשרות און זיך
אויסגעפֿרעגט איך וועלכער יאַטקע זי קויפֿט פֿלייש".
<u>גראַדע, 7, 209</u>.

2. <u>טרוי</u>. עפּעס געבן עמעצן, פֿאַרלאָזנדיק זיך דערביַי
אויף יענעמס אָרנטלעכקייט, פֿעיִקייט, געניטשאַפֿט,
שכל=הישר אד"גל. % איך <u>געטרוי</u> אים דאָס געלט, ער
וועט מיר זיכער אָפּגעבן. קאָנסט מיר <u>געטרויען</u> דאָס
ניַיע בוך, איך וועל עס ניט צעקנייטשן. אונדזערע
ווערטזאַכן האָבן מיר פֿאַרן אָפּפֿאָרן <u>געטרויט</u> דעם שכן
אונדזערן, ער האָט זיי גוט אָפּגעהיט. מעגסט אים <u>געטרויען</u>
דאָס שטיקל אַרבעט, ער איז אַ גוטער בעל=מלאכה.

1962 "אַנטרויען געוויסן אַ ניט=קלוגן בעל=נסיון,//
813 אין ווי אַ מענטשן, ווילד פֿון גרימצאָרן, אַ האַק
געטרויען". גראַדע, 5, 90.

1951 "אוודאי האט געלוינט זיך דעם פּריץ צו פֿאַרדינגען
804 אַ שענק אַ ייִדן: מען האָט אים געקענט דאָס געלט און
(106 ,פֿר)
דעם בראָנפֿן געטרויען". א. קאַצענעלנבאָגען, ~~דב ליטע~~, 344.

|| געטרויען זיך – אוטון. דערוועגן זיך, איינשטעלן
זיך. |סטוטש 540|.

ניט געטרויען עמעצן פֿון דאַנען אַהין – ניט געטרויען
עמעצן אַבסאָלוט, קיין זאַך.

ניט געטרויען די אייגענע אויערן – געזאָגט ביים
הערן אַן אויסטערלישע אָדער אומגלייבלעכע זאַך.

152

נ̲י̲ט̲ ̲ג̲ע̲ט̲ר̲ו̲י̲ע̲ן̲ ̲ז̲י̲ך̲ ̲אַ̲ל̲י̲י̲ן̲ – א) דזוו דפֿוו.

ב) זייַן וואַקלדיק, אומאַנטשלאָסן, ניט גלייבן אין די אייגענע פּוחות.

נ̲י̲ט̲ ̲ג̲ע̲ט̲ר̲ו̲י̲ע̲ן̲ ̲ד̲י̲ ̲ש̲י̲י̲ן̲ – זייַן זייער קאַרג, ניט וועלן געטרויען קיינעם גאָרניט.

1888 " יענע |...|געטהניט נישט די שיין, ציילט די גרויפֿן אין טעפֿל". מענדעלע, 3, 81.

802/א

---

רעד: סטוטשקאָוו גיט אָן "געטרויען דער שיין", לפּי-דעתי, על-פּי טעות: ערשטער באַווייַז: מענדעלע; צווייטער – סטוטש אַליין גיט דאָס ווערל אין אַפּטייל קאַרגשאַפֿט, גייַציקייט, דאָס מיינט: ניט געטרויען, ניט געבן עפּעס (אקוזאטיוו).

---

פּויל: איך געטרוי דיר אַ הונדערטער. אָבער דער צענער
בײַ מיר איז ק(ו)ראַנטער ווי ביי דיר – אַז מע
לײַט עמעצן אַ גרויסע סומע, איז מען זיכערער מיטן
אָפּנעמען צוריק, ווײַל יענעם וועט ניט פֿאַסטן צו
פֿאַרלייקענען, אָבער ווען ס'גייט וועגן אַ נישטיקער
סומע (אַ צענער=צען גראָשן) אָדער דער נעמער פֿאַרגעסט
אָפּצוגעבן, אָדער דעם געבער פּאַסט ניט צו מאָנען.

שוו: האַלט מיך פֿאַר אַ מלאך און געטרוי מיר ווי אַ גלח –
מע דאַרף זײַן זייער געוואָרנט איך געטרויען עמעצן
(דער עיקר אין געלטזאַכן), אַפּילו אַן אָרנטלעכן מענטשן.

האַלט מיך פֿאַרן מלאך גבריאל און געטרוי מיר ניט פֿיל –
דזוו דפּוו.

ווען מען געטרויט געלט, איז רײַכער ווי דער וואָס
האָט געלט – אַ גוטער נאָמען איז וויכטיקער פֿון געלט.

154 - ~~~

ם <u>גיטרויאַן</u>.

.1 ⟵

1697 " דרום זאל מאן ניט אויף אירן ריד בויאן//
קיין בינן ווייב זאל מאן נישט <u>גיטרויאַן</u>". 808
<u>ס' משלים, דף כג - II</u>.

1735 " אונ שטעלן זיך פר דען לייטן מיט ווארטן אונ
ווערקן אז וועך זיא גרושי חסידים זיין דארום דאז 810
מן אינן <u>גטרויאן</u> אוך גלויבן זאל". <u>אורחות צדיקים,
דף יד - I</u>.

.2 ⟵

1544 " איך ברענג זיא אוזין צו אירן אונ' <u>גיטרויא</u>
אויף זיא וואל//דש איר מיר זיא ביהאלט בור 807
קויניג שאול". <u>שמואל=בוך, סטראפע 537</u>.

געט – [redacted]

1676 " הוט מן אים הויז פֿיך דא מוש מן דער שפּחה

דיא מילך ניט גיטרויאן זי מויכט זיא אויש 806

טרינקין |...|". ברנט שפּיגל, פּרק טו.

1711 " אונ' דיא קליידר האט עשו געבן רבקה צו

ביהלטן |...| ער וואלט דיא קליידר ניט גיטרויאין 785

זייני ווייבר". צאינה=וראינה, 2, כז – 4.

ג ע ט ר ו י ע ר ט – פֿאַר פֿון טרויערן.

157 —

ג ע ט ר ו מ יי ט ע ר ט – פאר פון טרומייטערן.

ג ע ט ר ו נ ק ע ן  –  פֿאַר פֿון טרינקען.

159 –

ג ע ט ר ח נ ט |געטאַרכנט| – פאר פון טרחנען |הארקאווי|.

ג ע ט ר ׳ י ב - דער, =ן. (טעכנ) באַהעפֿט פֿון רעדער אין
אַ מעכאַניזם. |פֿינקעל, 1, 47, 1923|.

1929 " צוויי אָדער מער וואַלרעדער קענען זיך שליסן
דורך אַ קייט, אַ פּאַס, דאַן הייסט עס טראַנסמיסיע. 830-829
ווען זיי שליסן זיך דורך ציינער, בילדן זיי אַ
געטריב פֿון צאָנרעדער". זאַבלודאָווסקי, 1, 110.

0 געטריב=מעכאַניזם - דער, =ען.

1932 " |...| אַזוי אַרום ווערט דאָ לענגער איינגעהיט
אי דער שניידמעסטער אי די געטריב=מעכאַניזמען 834
פֿונעם ווערקשטעל". זיידעל, 1, 3.

161

ג ע ט ר י ב ן - 1. פֿאַר פֿון טרײַבן.

2. אַדי. באַוועגט (וועגן מאַשינען). % די שיפֿלעך האָבן דיזעל=געטריבענע מאָטאָרן. אויפֿן לופֿט פֿאָרט פֿאָרן אַרום עלעקטריש געטריבענע קלײנע אויטאָס.

162 – גש

געט – [redacted].

ג ע ט ר י ט ל ט – אדי. בנב.

1959 " שאַפּענע סטעזשקעס |...| מיט א געטריטלט

געשריפּטס אויסגעמאַלט". א. אויערבאַך, 6. 852

ג ע ט ר ײַ – אַדי/אַדוו. 1. וואָס איז באַשטענדיק און
אויסגעהאַלטן אין זײַנע פּאָזיטיווע געפֿילן צו עמעצן
אָדער באַציונגען מיט עמעצן; איבערגעגעבן.
% זי איז אַ געטרײַע טאָכטער און זי העלפֿט דער אַלטער
מוטער אין אַלץ. ער איז אַ געטרײַער מאַן, אַלץ
וואָס ער פֿאַרדינט ברענגט ער אין שטוב אַרײַן.
זײַן געטרײַ עמעצן (דאַטיוו). מע שמועסט, אַז זי איז
ניט געטרײַ דעם מאַן אירן, האָט פֿאַרפֿירט אַ ליבע
מיטן יונגן שכן. אַרבעטן געטרײַ.

1848 " |...| ער קויפֿט זיך אַ קנעכט |...| און גיט
891 עסן און טרינקען כּדי דער קנעכט זאָל אים גיטרײַא
דינען". חובות הלבבות, 3, 170.

1873 " זיי |...| זענען געטרײַע טאַטעס און |זענען|
871 מפֿרנס ווײַב און קינדער, ווי גאָט האָט געבאָטן".
מענדעלע, 9, 50.

164 - גע 1910 " בעת מעשה האָט אונדז דער זיידע דערציילט

מעשיות |...| און מיר האבן געהערט |...| און 918

געקליבן נחת, ווי אמתע,גוטע, געטרײַע אייניקלעך".

שלום=עליכם, 26, 24.

1930-1926 " ביילקע קרוין, זאָג מיר, |...| בין איך

נאָר איינער בײַ דיר? ביסטו מיר געטרײַ?". 817

אַפּאַטאָשו, 5, 125.

1957 " |...| ווי אַ געטרײַע מאַמע געהאַלטן אַ יונגן

באַראַנטשיק". ברוסילאָוו, 2, 38. 912

2. וואָס איז באַשטענדיק און קאָנסעקווענט אין דער
באַציִונג צו עפּעס(אַ פּאַרטיי, אַ גלויבן, אידעע אד"גל)
% ניט געקוקט אויף די שטורמישע געשעענישן איז ער
געבליבן געטרײַ ציוניסטן. ער איז אַ געטרײַער
לייענער פון זײַן פּאַרטיי-צײַטונג.

1912 " פּרצעס וועלן שרײַבן פֿאַרן פֿאָלק און זײַן
865 געטרײַ בלײַבן דעם גײַסטיקן אריסטאָקראַטיזם -
אַט די גאַנצע פּילזײַטיקע רײַכקייט |...| ווײַזט
זיך אַרויס |...| אין זיינע ווערק". ניגער, 1, 143.

1949 " |...| פּרץ האָט באַהערשט אַלע ליטעראַרישע
889 פֿאָרמען, אָבער ער איז געבליבן געטרײַ צו זײַן
אייגענער פֿאָרעם". מוקדוני, 2, 59.

1968 " די אויפגאַבע פון אונדז, איבערגעבליבענע ייִדן,
914 |איז| געטרײַ צו בלײַבן אונדזער אַלטע טראַדיציעס
|...|". ש. גאָלדשטיין, יזב ~~ליסקא~~ 14, ז' 8.

3. גענוי, פּינקטלעך, אַקוראַט, גרינטלעך. % דאָס בילד
איז טאַקע אַ געטרײַע קאָפּיע, אָבער דאָך ניט דער
אָריגינאַל. ער האָט געטרײַ איבערגעשריבן דעם טעקסט
פֿון בריוו.

1819 " איך וועל |...| אייך געבין דעם גישריבענים
מגלה טמירין גאנץ גיטרייא איבערזעצט אויף טייטש". 883
פערל, 1, הקדמה.

1864 " לייזער האָט אָפּגעשטעקט עטלעכע פּעטש לייזעריכען,
און לייזעריכע האָט זיי מיר דערנאָך געטרײַ 864
איבערגעגעבן". מענדעלע, 12, 30.

1934 " |...| פּונקט ווי דער מענטש איז אַן אָפּשפּיגלונג
פֿון גאָט, אַזוי איז דאָס אות אויף דער וועלט אַ 874
געטרײַע אָפּשפּיגלונג פֿון יענעם פֿײַערדיקן אות".
אַש, 13.

" דאָרע פֿאַרשרײַבט <u>געטרײַ</u> און ניט געכאַפּט, 1961

באַמיִענדיק זיך דער עיקר, אַז אינעם איבערגעגעבענעם 902

אויף רוסיש,|...| זאָל ניט אַרײַן קיין גרײַז".

<u>בערגעלסאָן, 18, 691</u>.

|| <u>געטרײַיִק</u> - <u>אדי/אדוו</u>. (<u>שנש</u>) <u>דזוו</u> <u>געטרײַ</u>.

1950 " כ׳זוך <u>געטרײַיִקן</u> אויער,// מיט געהער

אויסגעבעט |...|". <u>לאַפּין, 2, ליד "ער זאָל הערן"</u>. 942

<u>געטרײַיִקייט</u> - <u>די, בא</u>. <u>דזוו</u> <u>געטרײַשאַפֿט</u>.

1927-1923 " נאָך גוט, וואָס אַ מאָרגן איז דאָ, און איך

שויס פֿונעם מאָרגן//ליגן אָנגעגרייט טווּנגען נײַע 986

|...|// און שמייכלען און בליקן צו קענען פֿאַרגיטיקן,

ענדערן// און אָנברענגען פֿרייד און <u>געטרײַיקייט</u>

און ליבשאַפֿט |...|". <u>לייוויק, 6, ליד "ווי=פֿור=וויל"</u>.

<u>אַלטמאָדיש</u>.

167

1951 " די רוסן, ווי די מושלים פון לאַנד, האָבן דאָך

אַוודאי געמאַנט פון די ייִדן געטרײַקייט". 988

פּרו' 106,

א. קאַצענעלנבאָגען, ~~זב ליטע, 1~~, 346.

1968 " ער איז געווען אַ מוסטער פון איבערגעגעבנקייט

און געטרײַקייט, |...| אַ גוטהאַרציקע נשמה, וואָס איז 991

גרייט צו העלפן יעדן באַעוולטן". נ. געלבאַרד,

2,

יזב ~~אסטרואצק~~, ז' 432.

פּפּ: געטרײַ: ווי אַ מאַמע; ווי אַן אייגן קינד;

ווי אַ הונט.

גאָט געטרײַער! טאַטע (פּאָטער) געטרײַער! - פאַרשפּרייטע

פאָלקסטימלעכע אויסרופן בײַ גאָט בעטן, בײַם שטאַרק

חידושן זיך צוליב עפּעס אד"גל.

... "פאטער מיינער, געטרייער, // מאמע זיסע, מיין לעבן!
לעשט אפ אין מיין הארץ דעם פייער,// און אים פאר 982
א מאן זאלט איר מיר געבן!". פל.

שון: ביז דו וועסט בויען אויף דאס ניי, בלייב דעם
~~בלייב דעם~~ אלטן געטריי.

אז דער טאטע איז דערביי, קען די מאמע זיין געטריי -
אנטייט אויף דעם טאטן, דעם פרנסה=געבער, וואס
אן ~~דעם~~ אים איז שווערער ארויסצווייזן געטריישאפט
צו די קינדער.

דינער זיינען געטריי, אז זיי זיינען ניי - נייער
ארבעטער וויל זיך באווייזן אז ער טויג, ארבעט
ער בעסער, מערער.

וואס נייער, דאס געטרייער - דזוו דפוו.

ס'איז ניטא קיין געטרייערס ווי אן אייגן ווייב.

א הונט איז א מאל געטרייער פון א קינד.

" אן ארעמאן איז געטריי דעם סידור". (לאקל, מערב-גאליציע)

"ווייל ער דאוונט א סך"|קטוו|.

## גיטרייא.

1. <-----

1544 " שמה גיטרוייאר דינר שטיא אן דעם רוקן מיין|...|".

שמואל=בוך, סטראפע 1040. 984

סוף XVII י"ה| " דם דיא ד׳ אויז גיגעבני קינדר איר

גיטריי איך פאטיר אן נאך גאר ניטיג גיהאט". 932

זכרונות מרת גליקל האמיל, ז׳ 192.

1723 "|...| האט ניט גיוואלט הערן דאש מסירות פון

די שרים, דען ער איז בטוח גיוועזן אן דעם יהודי 900

דז ער איז אים גאר גיטרייא". ס׳דרך תמים,קאנק 50.

<u>גטרייאהייט</u> – די געטרײַשאַפט.

1723 " אונ' דער קיסר האט דיא יהודים זער וואול
בצאלט פר איר דינשטן אונ' <u>גטרייאהייט</u>". 972
<u>שארית ישראל, דף קכב – II.</u>

<u>גטרייליך</u> – <u>אדי/אדוו.</u> <u>דזוו</u> <u>געטרײַ</u>.

1713 " ער טרוג מיך <u>גטרייליך</u> אז איינר דער דא
טראגט זיין קינד". <u>מחזור, 1, דף קיא – II.</u> 973

<u>גיטרייאר גאט</u> – אויסרוף.

1666 " <u>גיטרייאר גאט</u> מיר וועלין דיך לויבן |...|".
<u>איין שוין נייא ליד פון משיח, דף י' – II.</u> 945

171 - גע

?נ? ג ע ט ר יי ב ע ר - דער, =ס. (שנש) בנב.

1956 " דער רויש געוועקאים זיסער איז פון וויין, // באטרונקען פון דער הויך האט אים עלעקטרישער גטרייבער". מארקיש, 10, 228. 949

............................................................

רעד: פון דער ציטאטע איז ניט קלאר צי דאס ווארט האט מארקיש געשאפן פון "טרייבערן" צי פון "טרייבן". כ'האב ניט דאס בוך צו זען א ברייטערן קאנטעקסט.

............................................................

ג ע ט ר יי ב ע ר ט – פאר פון טרייבערן.

ג ע ט ר יי ד ע – די, =ס. (עלט?דטשמ??) תבואה.

..................................................................................................

רעד: איך מיין, אז מע דארף דאס ווארט כאראקטעריזירן
ניט דטשמ", נאר, "עלט" : פון די ציטאטן (כ'האב
אומיסטן געגעבן מער!) פון יידיש איינס, אנהייבנדיק
פון טײַטש חומש( און מסתמא טרעפט מען דאס נאך אין עלטערע טעקסטן)
18טן י"ה, זעט מען אז דאס ווארט איז ניט אריין סוף 19טן פון נײַ־ייִדיש.

1867 " די פּרײַזן האַלטן זיך הי דאָך פּעסט, ווײַל
עס איז ווייניק געטריידע אויף דעם פּלאַץ". (כּלו 177 962
~~צ׳ קמ~~, נ׳ 32, ז׳ 251 - III.

1881 " |...| איוב איז געווען אַ גרויסער גוטבאַזיצער,
געהאַט כל=טובֿ, בהמות און אָקסן, געטריידע און |...| 965
פּרוכטן". שאַצקעס, 1, 178.

1922 " עס שטייט אין דער תּורה (דברים י"ח, ד׳)
"די ערשטע פֿון דײַן געטריידע |...|". 961
איבן זאַלקינד, ברכות, פּ׳ 114.

0 געטרײַדע=האַנדל - דער, באַ. דער מסחר מיט תּבֿואה.

1866 " זײַט דעם 19 דעצעמבער איז אַ ביסל שטילער
(פּלו 177
געוואָרן אין געטרײַדע=האַנדל". ~~צ׳ קמ~~, נ׳ 50, ז׳ 772. 969

1908 " איך ווייס... אַ גרויס קאָמיסיאָנס=געשעפֿט,
געטרײַדע=האַנדל, האָלץ=שיפֿערײַ |?|". 970
עפּפּעלבערג, 2, 29.

175 גמ

גערטנערייִדע=מאַרק – דער, ~ מערק, מאַרק פֿון תּבֿואה.

1868 " פֿון האַלב אַפּריל אָן זענען די אויסלענדישע

971 גערטנערייִדע=מערק שטילער געוואָרן". צ קמ, נ' 17, ז' 132–III.

גערטנערייִדע=מעקלער – דער, =ס. מעקלער פֿון תּבֿואה.

1870 " ווערט ער אַ בערזע=מעקלער, אַ גערטנערייִדע=מעקלער,

א/971 אַ געשעפֿטס=פֿירער אין אַ גרויסער קאָנטאָר".

צ קמ, נ' 8, ז' 59 – III.

גערטנערייִדע=עקספּאָרט – דער, בא. עקספּאָרט פֿון תּבֿואה.

1893 " |...| דאָך קען דער רוסישער גערטנערייִדע=עקספּאָרט

964 ניט אויסהאַלטן קעגן די |דער|אַמעריקאַנער קאָנקורענץ".

פֿייגענבוים, 1, 27.

176 -64

געטרײַדע=קערן - דער, =ער. קערן פֿון תּבֿואה.

1885 " |...| האָבן זיך ערנערט פֿון בוימפֿרוכט און קרויט
און געטרײַדע=קערנער". א.ג., 1, 5. 967

☐ גיטרייד/גיטרייט.

1610 " ווען דוא קומשט אן שטענדיג גיטרייט דיינש
גיזעלן אונ' דוא מאגשט אויש רויפן זאנגן מיט דיינר 953
האנט א ונ' איין זיכיל ניט דוא זולשט אויף היבן
אויף גיטרייד דיינש גיזעלן". טייטש=חומש,
דברים, כג - כו'.

1676 " איינר הוט איין שייאר מיט אלר לייא גוט
גיטרייד |...|". ברנטשפּיגל, פּרק כב. 952

1713 " |...| אונ' דוא ווערשט איין זאמלן דיין
גיטרייד |...| אונ' דיין איל". מחזור, 1, דף לו-I.

1724 " וויא קומט דאש שטרויא צו דע ן גטרייט אהער".
ריח ניחוח, ז' 188. 959

גע -

ג ע ט ר ײַ י ה ײַ ט - ---> <u>געטרײַ־ישאַפֿט</u>.

177 – [illegible]

ג ע ט ר י י ס ט – <u>פֿאַר פּון טרייסטן</u>.

ג ע ט ר יי ס ל ט - פאר פון טרייסלען.

?נ? ג ע ט ר יי ע ן - |אוטוו?|, (לאקל, געדראוויץ|?|ווילקאמיר)

" זיין/דינען געטריי"|קטוו|. % ער האט געטרייט

פאר אונדז - ער איז אונדז געווען געטריי"|קטוו|.

..........................................................

רעד: כ'בין מסופק אין דעם ווארט און אין אויסטייטש...

אגב, איז 'געדראוויץ' א יישוב אדער דער נאמען

פון דעם זאמלער?

..........................................................

180-גץ ג ע ט ר יי ש אַ פֿ ט - די/דאָס, =ן (זן). אייגנשאַפֿט

אָדער מצב פֿון זיין געטריי, ב 1. % זיין געטריישאַפֿט

צו די קינדער איז געווען אין לשער.

1864 " אין שטוב בין איך געהויבן געוואָרן פֿאַר מיין

געטריישאַפֿט". מענדעלע, 12, 120.

1886 " צוזעענדיק פֿון איר אַזוי פֿיל געטריישאַפֿט,

האָט איר יאָסעלע מוחל געווען במחילה גמורה אַלע 1006

יסורים |...|, וואָס ער האָט פֿון איר אַ מאָל געליטן".

שלום=עליכם, 25, 98.

1931 " זי איז געווען איבערגליקלעך הערנדיק |וועגן|

מיין געטריישאַפֿט צו אים". ווייסענבערג, 9, 195. 997

1948 " אַפֿילו איצט, ווען די עלטערן, שוין געמיין און

ביז לעצט אויסגעביטלט, קלעקט נאָך ביי זיי גענוג קאנק

ליבע, איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפֿט, זיי זאָלן

פֿון צייט צו צייט אין אים זיך דערמאָנען און מיט

וואָס נאָר מעגלעך |...| אים אונטערצוהאַלטן".

נסתר, 6, 232.

2. אייגנשאפט אדער מצב פון זיין געטריי, אין ב 2.

1873 " |מיר| דאנקען אייך |...| פאר אייער געטריישאפט,
קאנק מיט וועלבער איר דינט תמיד דער חברה |...|".
מענדעלע, 1, קאנק 227310.

1958 " זינט די וויבלעכקייט האט פארנומען דעם
1007 בריטישן טראן, איז די געטריישאפט געווארן א סך
שטארקער". א. אויערבאך, צ' טאג, VIII /8. (כרך 68)

1972 " ער |דער קריטיקער| זעט ממילא, ווי וויט דער
1002 דערציילער האט אפגעהיט א טאפעלע געטריישאפט
|...| סיי דעם פארבאהאלטענעם היסטאריאסאפישן אמת
|...|, סיי דעם אפענעם פסיכאלאגישן אמת |...|".
ד. סדן, זש' גק, נ' 76, ז' 97. (כרך 38)

182 -

געט - 13.

געטרילער - דער, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע טרילערן (פֿון פֿייגל).

1935 " דער סטעפּ=זשאַווראָנעק, זײַן געטרילער האָט זיך געשפּונען מיט די זונענשטראַלן פֿון האַלבן טאָג". הירשביין, 6, 421.

|| געטרילערײַ - דאָס, בא. דזוו דפֿוו |מארק וובב1268|.

1010

183 - גע

?נ? געטרינקעדיי - דאס, בא. |מאק ווב 1697|. ~~דאס~~

(שבש) דויערנדיקע טרינקען (דאס שיכורן) פון

א סך מענטשן.

184 —

ג ע ט ר י ף – דאָס/דער, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע
טריפֿן.

1936.. " |...| זײַן דינע הויט קען קוים האַלטן
1014 ס'גלײַיקע געטריף|...|". סוצקעווער, 3, 120.

ג ע ט ר י פ ט - פאר פון טריפן.

געטריפּעכץ - <u>דאָס, =ן</u>. "אַ מאכל וואָס באַשטייט פֿון אַ געמיש פֿון מעל מיט אייער, וואָס מען גיסט אַרויף אויף זידנדיקער יויך" |<u>קטוו</u>|.

<u>רעד:</u> ס'מוז זײַן אַ רעגיאָנאַל/לאָקאַל וואָרט, צום באַדויערן איז דאָ נאָר דער נומער פֿון דעם זאַמלער. מסתמא מיינט עס דאָס אייגענע וואָס ~~אַז~~ אונדז |וואָלין| "<u>טריפּלעך</u>".

187 - Gy

ג ע ט ר י ק נ ט - פֿאַר פֿון טריקענען.

188 —

ג ע ט ר י ש ט ש ע ט – פאר פון טרישטשען.

ג ע ט ר ע – די, ס'רוב אין מצ געטרעס. האַלבע כאַליעווקעס
פֿון פֿילץ אָדער דיקערן געוואַנט, פֿון העלן קאָליר,
געשפּיליעט אויף קנעפּלעך פֿון די זײַטן. מענער פֿלעגן
עס טראָגן אום ווינטער אויף די קאַמאַשן אָדער טופֿליעס
(די געטרעס האָבן ארומגענומען דעם אייבערשטן טייל
פֿון טראַט ביז די קנעכלעך).

1922 " |...| פֿלעגסט מיט געטרעס זיך באַצירן".
בראַדערזאָן, 7, 74. 1044

1913 " דער מײַסטער פֿון צעך |...| אָנגעטאָן אין
געטרעס, איז צוגעגאַנגען צו באַסקינען". 1046
א. קאַהאַן II, 2, 13.

1949 " דער פּשוטער פּראַק פֿון גרינעם געוואַנט, די
די געדיכט פֿאַרקנעפּלטע געטרעס אויף די פֿיס". 653
שניאור, 11, 54.

189/1 געט -

(?נ?) ג ע ט ר ע כ ט |גיטרעכט| - דאס. ליד, דיכטונג.

|XV י"ה| " דיש גיטרעכט // אישט מיינש גימעכט".

1046/א מגילה מינכן, דף מ/110א.

mhd: getrehte

145

190 - גע

?נ? ג ע ט ר ע́ ל - דאָס. בא. דאָס טרעלן, אַ סך טרעלן.

1963 " צו גאָט גייט אויף דאָס תּפילה=געטרעל".

1031 מ.מ. שאַפּיר, 1, 51.

ג ע ט ר ע ל ט - <u>פֿאר פֿון</u> <u>טרעלן</u>.

192 —

ג ע ט ר ע נ ט – פאר פון טרענען.

ג ע ט ר ע נ ק – 1. די, (עלט) מערצאָל פֿון געטראַנק, געטראַנקען.

1861 " דריי גיטרענק זיינין אסור אז זיי שטייען אפ גידעקט: וואסער און וויין און מילך". 697

איבן משניות, זרעים, דף עטן.

1873 " |...| חברה=קדישא"מעד, מיט יאָרציַיט=בראַנפֿן וכדומה אַזעלכע געטרענק". מענדעלע, 1, קאנק 371660. קאנק

רעד: אגב, די דאָזיקע פֿאַרמע פֿון מצ חזרט זיך (!!) איבער אויך אין די אויסגאַבעס פֿון 1888 און אין דער יובילעום=אויסגאַבע (1911).

2. (עלט?דיאל?) געטראַנק, אַכ.

1921 " |...| האָט מען אונדז קאַלטעס |=קאַלט| געטרענק דערלאַנגט". אש, 4, 286. 1036

|| געטרענקל - דאָס, =עך. פּקפּ פֿון געטראַנק.

|?1960| " |...| האָט זי זיך אָנגעהויבן פֿאַרנעמען מיט מישן און |...| קאָכן געטרענקלעך און צולייגעכצער און לויפֿן צו קראַנקע". טיגער, 1. 1038

// ווינער געטראַנק/געטרענקל - (עלט) אַמאָליקע רפֿואה צו אַ האַרטן מאָגן.

ם געטרענקא. מה"ד: Getrenke.

2. ←

... " והשתיה אונ' דש געטרענקא אונ אלן צוואנק // דש ווש דעש קוניגש גדאנקא". מגילה מינכן, דף מ-287ב. 1035

ג ע ט ר ע נ ק ל – ---> געטראנק, געטרינק.

ג ע ט ר ע נ ק ט – פֿאר פֿון טרענקען.

195 -

ג ע ט ר ע ס ע ט - פאר פון טרעסען.

196 -

ג ע ט ר ע ר ט - פֿאַר פֿון טרערן.

197 – גע

ג ע ט ר ע פֿ ל ט – אַדי. וואָס איז מיט טרעף, טרעפֿלעך.

1954 " די אויסגעצירטע מלכה שבת// פֿינקלט אַראָפּ פֿון

1054 הילצערנע, //קרום געטרעפֿלטע גרינע באַניקלעך".

קליגער, 33,1.

1965 " גהעון איז געווען אויסגעשפּרייט אויף אַ קייט

1049 געטרעפֿלטע בערג". י. מאַנדעל, ~~צ' טמז~~, XII/29.

?נ?     ג ע ט ר ע פֿ ע כ ץ – דאס, =ן. (איר, שנש) געשעעניש,
איבערלעבונג.

1948   " |...| וועלט געדענקט פֿון אייגענעם געטרעפֿעכץ".

1055   לוצקי, 3, 208.

[redacted] - [redacted].

?נ? ג ע ט ר ע פּ ע נ י ש - דאָס, =ן. (שנש,איר) געשעעניש, איבערלעבונג.

1948 " גאַרנישט טרעפט מיר, // נאָר דווקא אין דעם

1056 גאַרנישט//לעב אַיך דורך אַ גרויס געטרעפּעניש".

לוצקי, 3, 181.

200 - גע

?ג? ג ע ט ר ע́ ר - דאס, בא. (שנש) אַ סך טרערן, געוויין מיט אַ סך טרערן.

1963 " ווי זאָל איך דיך טרייסטן // אין דײַן גרויס

1037 געטרערער?". מ.מ. שאַפּיר, 1, 84.

ג ע ט ר ע ש ט ש ע ט – פֿאַר פֿון טרעשטשען.

202-

ג ע ט ש - דער, =ן. 1. פּפּ גענ פֿאַגאַנישער גאָט, אָפּגאָט. % אַ סך אינדיאַנישע שבֿטים דינען נאָך צו זייערע אַלטע געטשן.

2. (ביטול) סטאַטוע פֿון אַ גאָט אָדער פֿון הייליקע.

1925 " פֿויערן |...| פֿירן זייער אַרבעט, זייער

פֿעלדישע ברכה אויף קליינע פֿורלעך |...|, שלעפּן 1062

זיך |...| צום דרימלענדיקן שטיינערנעם געטש".

זינגער, 3, 311.

1945 " דאָס פּנים פֿון געטש ווערט אויף זייגנס".

באַריישאַ, 3, 131. 1059

1953 " אַ געטש אויפֿן שפּיץ פֿונעם פֿעלדז |...|".

פֿרידמאַן, 1, 63, 1061

3. (שלש) תם, נאַר, גולם. % וואָס שטייסטו, דו געטש

איינער, ריר זיך שויך!

געט - 203.[redacted]

**געטשל** - דאס, =ער. פֿקפֿ פֿון געטש, ב 2.

1936 "אַ ייִד טאָר נישט אויסמאָלן קיין פֿיגורן און

געטשלעך". י.י. זינגער, 6, 55. 1083

ג ע ט ש אַ ד ע ט - פאר פון טשאַדען.

205 –

ג ע ט ש אַ ט ע וו ע ט – פֿאַר פֿון טשאַטעווען.

ג ע ט ש אַ כ נ ע ט - <u>פֿאַר פֿון</u> <u>טשאַכנען</u>.

207 –

ג ע ט ש אַ פֿ – דאַס, באַ. | סטוטש 282 | דאָס דויערנדיקע טשאַפּען (גרילציק רוישן מיט שיך בײַק גייען).

208 -

ג ע ט ש אַ ק ע ט - פֿאַר פֿון טשאַקען.

געטשוויטש - דאָס, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע טשוויטשערן (צוויטשערן) פֿון פֿייגל.

1936 " די פֿייגל |...| זוכן זיך מיט געטשוויטש, מיט געטריל". שטענצל, 4, 10. 1069

|| געטשוויטשער - דער, בא. דזוו דפֿוו.

1908 " און ווי דעם דונערס ברום האָט זיך צעמישט // מיט דעם געטשוויטשער פֿון דעם נאַכטיגאַל". ראָזענפֿעלד, 2, 232. 1074

1936 " אויפֿן שיפֿדעק האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ געטשוויטשער, ווי אין אַ פּאָפּוגאַיען=שטייגל פֿון זאָאָפּאַרק". א. לוריע, 1. 1073

1974 " קינדערישע שטימעלעך, ווי אַ געטשוויטשער פֿון פֿייגל |...|". עלבערג, 2, 270. 1071

210 – גע

?נ? ג ע ט ש ו י ק ע – דאָס, בא. |סטוטש 282|.

דאס דוערנדיקע טשויקען (מין גרילציק פּיפּן).

ג ע ט ש וו ע ק ע וו ע ט  –  אדי. בנב.

1939 "אַ מאָל פאַרטרויט מען דעם געטשוועקעוועטן

דראַנג, דעם מזיניקל". שניאור, 6, 195. 1076

.........................................................................................

רעד: כ'האָב געהערט אַ וואָרט 'געטשוועקעוועט'

(פֿון טשוועק-עס), אין באַטײַט מיט טשוועקעס/טשוועקלעך-

געטשוועקעוועטע שיך". אָבער ווי קומט עס אַהער?

ס'קען זײַן, עס מיינט "אַ גרויסער נאַר".

מ'וואָלט געדאַרפֿט זען אַ ברייטערן קאָנטעקסט.

.........................................................................................

212 - גע
[redacted] -

(?נ?) ג ע ט ש ו כ ע ט (ז י ך) - פאר פון טשוכען (זיך).

~~204~~. - געט

213 - 214

ג ע ט ש י י ט ש - <u>דאס/דער?, בא.</u> (<u>לאקל, סאניק, סאנץ</u>)

1079/1086 "א געפילדער, א טומל". |<u>ר. מאהלער, יזב 15, ז' 557</u>|.

| |
|---|
| <u>רעד:</u> Gecheych ? Gechaych |

169

~~204~~. - געט
213 - 214

169

געטשייטש - דאס/דער?,בא. (לאקל, סאניק,סאנץ)

1079/1086

"אַ געפּילדער, אַ טומל". |ר. מאַהלער, יזב 15,ז'557|.

רעד: Gechaych ? Geechaych

215 -

ג ע ט ש י נ ק ע – <u>די, =ס.</u> <u>דזוו</u> <u>געטשקע</u>.

... " זאָג מיר, <u>געטשינקע</u>, וואָס זשע מאַכסטו?//

זאָג מיר, <u>געטשינקע</u>, וואָס זשע טראַכטסטו?". 1080

<u>פֿאָלקסליד</u>.

---

<u>רעד:</u> כ׳גיב דעם אויסטײַטש, ווי ס׳איז אָנגעגעבן
אין קאַרטל, אָבער כ׳בין מסופק אין דעם...
נאָכזען אין מקור (דאַכט זיך, כהנס זאַמלונג פֿון
ייִדישע פֿאָלקסלידער.

---

216 - גע

ג ע ט ש י פ ע ט - פאר פון טשיפען.

217 –

געטשירקעט – <u>פֿאר פון</u> <u>טשירקען</u>.

## געטש~~ע~~יש - אַדי. ווי פֿון געטשן.

1948 " דאָרט האָט זיך צעפּלאָקערט אַ געטשישער

שײַטער". סעגאַלאָוויטש, 12, 93. 1082

1951 " די גלחימלאָזע 'בעזפּאָפּאָווצעס' האָבן געוווינט

אין פֿײַנע געטשישע הײַזער". א. קאַצענעלנבאָגען, פּור 106, 1081

~~זב ליטע, 1,~~ 334.

---

רעד: כ'בין שטאַרק מסופק אין אויסטײַטש - ער פּאַסט
זיך קוים צו ביידע ציטאַטן... וואָס הייסט הײַזער?
געטשישע [טעקסט: געטשעשע], אפשר איז דאָס אַ גראָז, און
ס'דאַרף זײַן געטשעשעטע (געטעסעטע) הײַזער; און וואָס
הייסט" אַ געטשישער שײַטער? מע דאַרף זען אין די
מקורים אַ ברייטערן קאָנטעקסט!

---

218 - גש

?נ? ג ע ט ש מ אָ ק ע - דאָס, בא.|סטוטש 282|. דאָס

דויערנדיקע טשמאַקען (וועגן קלאַנג).

219 - 41

ג ע ט ש מ ע ל י ע ט - פאר פון טשמעליען.

220 - גע

ג ע ט ש ע – די. =ס. דזור געטשקע, ב 1.

1956 "|...| איז די געווען אַ גאַט, ... אַ געטשע

1085 צווישן געטשן". סימאָן, 1, 210.

221 - גע

ג ע ש ע פ ע ט - _פאר_ _פון_ _טשעפען_.

222 -

ג ע ט ש ע ק ע ט – אַדי. "געשפּריצט, געפּינטלט מיט
עטלעכע קאָלירן" |קטוור|. % "טוט באַר אַ קוק אויף
די געטשעקעטע הײַזלעך פֿון מײַן ייִנגעלע, אַיאָ 1088
ס'פּאַסט אים?" |קטוור|.

223 -

ג ע ט ש ע ש ע ט – פֿאַר פֿון טשעשען.

ג ע ט ש ק ע - די, =ס. 1. פאגאנישע געטין,
אפגאט פון ווייבלעכן מין.

2. סטאטוע(טקע) פון א געטין. % די ארכעאלאגן
האבן געפונען א סך ליימענע געטשקעס.

1909 " |די סאטירע| מוז צעשמעטערן די בלעכענע
1090 געטשקעס, צו וועלכע עס בוקט זיך איצט די אומאפט-
וויקלטע מאסע". עדעלשטאט, 4, 385.

1924 " און ער - ביים מאטקע=באזשע=שטיין//ווי נאך
1093 א געטשקע דא // פאר דעם פארבייגייער, וואס
האט דעם צלם פיינט |...|". מ. ל. האלפערן, 49,1.

1960 " אזוי ווי אברהם אבינו האט צעשטערט זיין
1100 פאטערס געטשקעס - האט משה געהאט א ווידערווילן
קעגן זיין מוטערס אפגעטער". ניגער, 10, 301.

3. אן אביעקט וואס מע בוקט זיך פאר אים ווי פאר אן
אפגאט.

1972 " זייער פארכלינעטקייט צו |?| פרעמדע געטשקעס
1091 האט געפירט דערצו, אז זיי זאלן ווערן ניט מער ווי
נאכמאכערס". מ. שטיקער, ~~צו פאר~~ (פעור 155), !!!/4.

מאכן (זיך) א געטשקע - שאפן (זיך) א קולט פון
עפעס, פארגעטערן, פארהייליקן.